# פרשת כי תצא - כי תבוא ה׳ – כ״א אלול תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **שלמה יוסף ראאב** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לשכונת פארק סלאפ והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **גרשון פריעדמאן** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם.

*

***יום שני פרשת כי תצא***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של **מרן הגה״ק רבי יונתן שטייף זצ״ל** אב״ד דקהלתנו הק׳.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת ראזענפעלד שישבו שבעה על פטירת אמם ע״ה (אלמנת הר״ר **אשר יצחק ראזענפעלד** ע״ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל סעודת הילולא רבתי ׳יובל השישים׳ של **מרן הגה״ק רבי יונתן שטייף זצ״ל** אב״ד דקהלתנו הק׳, שהתקיים ברוב פאר והדר בבית מדרשנו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו די סעודת הילולא פונעם גרויסן גאון **רבי יונתן זצ״ל**, וואס האט אראפגעלייגט דעם יסוד פאר אונזער קהלה, וואס דאס באגלייט אונז די אלע יארן. פון די קליינע התחלה, פון די תלמוד תורה וואס ער האט אויפגעשטעלט, איז געווארן דערפון דריי תלמוד תורה׳ס, מיט מיידל שולע׳ס מיט ישיבות און כוללים, וואס דאס אלעס איז צו פארדאנקען פאר די קדושה וואס ער האט אראפגעלייגט אויף דעם מקום. עס איז שוין אדורך זעכציג יאר פון ווען ער איז נסתלק געווארן, עס איז וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא, עס האט זיך אויסגעלאזט דער גאנצער דור וואס איז געווען צוזאמען מיט אים. ער האט איבערגעלאזט אייניקלעך יראים ושלמים, וואס האבן צוגעשטעלט אזא שיינע סעודה לכבודו.

**מען** לערנט יעצט ביי אונז אין די חבורה פון ׳ובהם נהגה׳ מסכת שקלים. די גמרא (ז.) ברענגט צו, אז מען האט זיך אמאל געקריגט אין בית המדרש אויף די הלכה פון א נגר וואס האט א גלוסטרא בראשו, צו עס האט א דין פון א כלי. צו מען מעג עס נוצן אין שבת, צו פארמאכן די טיר, צו נישט. עס איז דא דערין א מחלוקת תנאים. און מען האט זיך אזוי געקריגט, ביז עס איז צוריסן געווארן א ספר תורה. עס איז געווען א ספר תורה אויפן טיש, און מען האט זיך געדינגען דערויף, און עס איז צוריסן געווארן. האט זיך אנגערופן רבי יוסי בן קיסמא, און ער האט געזאגט, תמיהני, איך וואונדער מיך, צו פון דעם בית המדרש וועט נישט שפעטער ווערן א בית עבודה זרה. אז מען קען זיך קריגען איינער מיטן צווייטען מיט אזא כעס, אז עס קען צוקומען צו אזא מכשול, אז עס זאל ווערן צוריסן א ספר תורה, וועט דאס פלאץ נתהפך ווערן שפעטער פאר א בית עבודה זרה. אזוי שטייט אין די גמרא אין שקלים. און אין די גמרא אין מסכת יבמות (צו:) ווערט אויך צוגעברענגט די מעשה, און דארט שטייט מיט צוויי ווערטער מער, וכן הוה, עס האט אזוי פאסירט.

**דאס** איז טייטש, אז אויף דעם פלאץ איז די תורה נישט געווען אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין, אז נישט וואלט נישט צוגעקומען אז עס זאל צוריסען ווערן א ספר תורה. מען האט געלערנט תורה אן געבן כבוד איינער פארן צווייטען, און מען האט זיך אזוי געקריגט, אז עס האט איינגעווארצלט אויף דעם פלאץ א נקודה, וואס שפעטער וועט עס נתרבה ווערן, ביז עס וועט צוקומען אז עס וועט ווערן א בית עבודה זרה. – עס שטייט אין **מאירי** (שם), אז כאטש כעס איז אסור איבעראל, און מען טאר זיך נישט קריגען אין קיין שום פלאץ, נישט נאר אין א בית המדרש. אבער פון דעסטוועגן דאך,

אז מען רעדט פון תלמידי חכמים, און מען רעדט פון א מקום קדוש, איז די זעלבע זאך וואס אינדרויסן איז נישט אזוי הארב, אבער אינעם בית המדרש, אין א מקום קדוש, אז עס האט פאסירט אזא זאך, האט עס אין זיך א כח, אזוי ווי די גמרא ברענגט צו, וואס עס קען פון דעם ארויסקומען.

**מדה** טובה מרובה ממדת פורענות (סוטה יא.), אויב מען זעהט ביי טומאה, אז א קלייניגקייט וואס מען טוט אין א מקום קדוש, האט עס א ווירקונג אויף שפעטער, ביז די הארבסטע וואס עס קען זיין, איז דאך כל שכן מדה טובה, אז א צדיק וואס האט געדינט דעם אייבערשטען אין די ווענט פון דעם בית המדרש, אזויפיל תורה און אזויפיל תפלה, און אזויפיל קדושה און ענוה, איז אוודאי אז עס לאזט איבער א געוואלדיגע רושם דקדושה אויף שפעטער, אז עס זאל זיין פרה ורבה. אזוי ווי מען נעמט א קערנדל און מען טוט עס איינפלאנצן, כאטש מען לייגט אריין א קליין קערנדל וואקסט אויס דערפון שפעטער א בוים, און א גרויסער בוים, און פירות און פירי פירות, אזוי אויך די תורה און די קדושה וואס געפונט זיך ביי אונז אין די קהלה, איז אלעס צו פארדאנקען דעם זכות פון **רבי יונתן זצ"ל.**

*

**עס** איז דא א דיון דארט אין די גמרא, אז אויב מען האט צוזאמגענומען געלט פאר צדקה, מען האט צוזאמגענומען געלט פאר א עני, און עס איז אריינגעקומען מער געלט פון וויפיל דער עני דארף האבן, צו מען מעג עס משנה זיין פאר א צווייטע צדקה, צו נישט. זאגט די גמרא, אז אויב מען האט געזאגט אז מען נעמט עס צוזאם פאר א געוויסע עני, טאר מען עס נישט משנה זיין און געבן פאר א צווייטען עני. אפילו ער דארף עס שוין נישט יעצט פאר זיין פרנסה, א מענטש קען אייביג נוצן געלט, זאל עס בלייבן פאר דעם עני אויף שפעטער. מותר המת, אויב מען האט צוזאמגענומען געלט פאר א מת פאר זיין קבורה, און עס איז איבערגעבליבן געלט מער פון וויפיל מען האט געדארפט צו האבן, איז א מחלוקת אין די גמרא, וואס מען טוט מיט דאס געלט וואס איז איבערגעבליבן. איין דיעה איז דא אין די גמרא, אז דאס וואס בלייבט איבער פארן מת, איז אזוי ווי מותר העני, ווען דער עני שטארבט גייט דאס געלט פאר די יורשים, איז דא אויך די זעלבע. מותר המת גייט פאר די יורשים פונעם מת. א צווייטער דיעה איז דא אין די גמרא, אז ניין, עס גייט נישט פאר די יורשים, מען זאל עס אויסגעבן פאר דעם מת אליין. מאכן זיין לויה מיט מער כבוד, צו א שענערע מצבה, מען זאל געבן דאס געלט לכבודו פונעם מת. רבי מאיר זאגט, אז עס זאל זיין מונח עד שיבא אליהו, דאס געלט זאל מען נישט נוצן. ער איז מסופק צו די הלכה איז אז מען דארף עס געבן פאר דעם מת אליין, צו מען קען עס געבן פאר די יורשים, און אזוי ווי ער האט געהאט א ספק דערין, האט ער גע'פסק'נט שיהא מונח עד שיבא אליהו.

**די** מפרשים זענען מסביר די צוויי צדדים, איינער זאגט אז וואס עס בלייבט פונעם מת זאל גיין פאר די יורשים, ווייל אונז טוה מיר אפשאצן אז דער מת אליין, וואס מען האט אים מבזה געווען, מען האט צוזאמגענומען געלט פאר אים, איז מוחל זיין בזיון אז דאס געלט זאל אנקומען צו זיינע יורשים, איז ממילא מעג מען עס אוועקגעבן פאר די יורשים. דער אנדערער מאן דאמר האלט אז ניין, דער מת איז נישט מוחל זיין בזיון אפילו פאר זיינע יורשים אויך נישט, ער וויל אז עס זאל זיין לכבודו. מען האט מיך מבזה געווען, זאל זיין דאס גאנצע געלט אויסגענוצט ווערן נאר פאר אים אליין. האט מען נישט קיין רעכט עס אוועקצוגעבן פאר די יורשים, נאר פאר אים אליין, וואס מען קען צוטון מער, מזלף זיין יין לפני מטתו, בויען א שענערע מצבה, א שענערן אוהל. מען זאל עס אוועקגעבן פאר אים, פאר זיין כבוד, און נישט אוועקגעבן פאר זיינע יורשים. און די סברא קוקט אויס ווי א סברא דאורייתא, איין מאן דאמר האלט אז מען גיט עס טאקע נאר פאר אים און נישט פאר די יורשים, און רבי מאיר איז מסופק דערין, צו עס איז מונח עד שיבא אליהו. וואס דאס איז טייטש, אז א מענטש איז

געשטארבן און עס בלייבט איבער געלט, זאגט מען, אז ער וויל נישט אז די געלט זאל גיין פאר זיינע יורשים, נאר מען זאל געבן דאס געלט פאר אים. מען זאל אים מאכן מער כבוד, ער זאל האבן א שענערע לויה, ער זאל האבן מער כבוד.

**און** מען דארף עס פארשטיין. כבוד איז שייך ביי א מענטש וואס לעבט, דאס איז איינע פון די תענוגים וואס א מענטש האט, אז מען איז אים מכבד. אבער א מת וואס איז שוין געשטארבען, די מלאכי חבלה נעמען אים ארום, ער שטייט פארן כסא הכבוד, ער דארף אפגעבן דין וחשבון, און מען פרעגט אים יעצט, וואס זאל מען טון מיט דיין געלט וואס איז געבליבן, מותר המת, זאגט ער, ניין, געב עס נישט פאר די יורשים, נאר מאך מיר א שיינע לויה?! און מען האט אנגענומען אז מען דארף אזוי טון. וואס איז די הסבר דערין? קיינער האט נישט קיין שום תועלת פון דעם כבוד וואס ער האט, און מען קען עס אוועקגעבן פאר די יורשים, וואס זיי קענען עס נוצן. פארוואס זאגט מען, אז דעתו של מת איז, נישט עס אוועקצוגעבן פאר די יורשים, נאר מען זאל עס ענדערש געבן לכבודו.

**איך** האב געטראכט, עס שטייט אין ספר **ארץ צבי**, פונעם **קאזיגלוב'ער**, אויף די מאמרים פון סוכות. אז די גמרא (סוכה לז:) זאגט די גרויסע ענין פון די נענועים. לולב איז מען יוצא מיט נטילת לולב, מען נעמט די לולב און מען שאקעלט עס איין מאל. אבער די חכמים האבן מתקן געווען, אלץ די חשיבות פון די מצוה, אז מען זאל מנענע זיין אויף די ארבע רוחות, און למעלה ולמטה. די גמרא זאגט די גרויסע חשיבות דערפון, אז דאס איז עוצר רוחות רעות מיט טללים רעים. און ער שטעלט זיך, וואס איז דער ענין פון די נענועים, אז עס איז עוצר רוחות רעות און אזוי ווייטער.

**שרייבט** ער, אז ער האט געהערט פונעם **אבני נזר**, דער **אבני נזר** האט געזאגט, אויף א פלאץ ווי עס איז דא כבוד, איז שורה קדושה. ביי יעדע זאך וואס מען איז מכבד, האט נישט די סטרא אחרא א כח צוצוקומען אויף דעם פלאץ, ווייל מען איז מכבד דעם מקום. א פלאץ וואו מען איז נישט מכבד דעם מקום, א פלאץ וואס איז נישט צוזאמגענומען, א מקום טינופת וכדומה, דארט איז שורה א רוח רעה פון די סטרא אחרא. יעדע זאך וואס מען איז מכבד, טוט מען אוועקנעמען די סטרא אחרא פון דעם פלאץ. דאס איז דער ענין פון כבוד המת, וואס מען איז מכבד א מת, ער לעבט דאך שוין נישט, וואס איז דער כבוד וואס מען גיט פאר א מת. נאר אזוי ווי א מת ווערט דאך טמא, הייבען זיך אן צוזאמצוקומען די כוחות החיצונים צום מת, און מיט דעם וואס מען קומט צו א לויה, מען גיט כבוד פאר א נפטר, טוט מען מבריח זיין די חיצונים פון ארום און ארום. אז מענטשען זענען מכבד א זאך, טוט עס אוועקנעמען די חיצונים פון די זייט, און די סטרא אחרא גייט אוועק פון דעם מקום.

**זאגט** דער **קאזיגלוב'ער**, דאס זעלבע איז ביי א מצוה. ווען א יוד איז מכבד א מצוה, האט עס א כח, אז צו די מצוה קען נישט צוקומען די סטרא אחרא ארום און ארום. אז א יוד נעמט א לולב, און ער שאקעלט דעם לולב נישט נאר אלץ נטילת לולב, נאר אלץ חשיבות איז ער מנענע דעם לולב אויף אלע ארבע רוחות העולם, האט ער מבריח געווען פון די מצוה אלע חיצונים ארום און ארום. און אז מען איז מבריח די חיצונים פון די מצוה, האט דאך יעדע מצוה א געוואלדיגע כח. די כבוד וואס דו האסט געגעבן, ברענגט ארויס אז די מצוה זאל קענען צוברענגען דערצו, אז עס זאל קענען עוצר זיין רוחות רעות וטללים רעים, און עס זאל קענען אראפקומען א שפע.

**דאס** איז טייטש, אז ווען מען רעדט פון כבוד המת, רעדט מען נישט פון א פשוטן כבוד, צו מען האט אים יא געריכמט צו מען האט אים נישט געריכמט. נאר דאס וואס מען איז מכבד א זאך, דאס טוט מבריח זיין די סטרא אחרא פון דעם מקום, און עס איז משרה דערויף א קדושה. אויב אזוי קען מען שוין יעצט פארשטיין פארוואס אונז זאג מיר, אז ווען עס איז איבערגעבליבן געלט פונעם מת, איז ער נישט מסכים אז מען זאל עס געבן פאר די יורשים, ער

וויל ענדערש אז מען זאל עס געבן לכבודו, נישט ווייל ער האט עפעס פון דעם כבוד וואס מען האט אים מער מכבד געווען דורך דעם וואס מען האט אים געמאכט א שענערע לויה, צו מען האט מזלף געווען יין לפני מטתו, נאר אזוי ווי כבוד המת ברענגט דאך, אז עס זאל אוועקנעמען די חיצונים פון ארום און ארום, איז ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, איז דאך אוודאי אז ער דארף האבן די זכותים דערצו, אז די חיצונים זאלן נישט צוקומען צו אים. איז ווי מער כבוד מען גיט פארן מת, אלץ מער האט מען מבריח געווען די חיצונים פון ארום און ארום, און דאס איז די חשיבות. פארשטייט מען שוין די סברא, אפילו עס איז געבליבן געלט, מותר המת, און עס וואלט געווען מער תועלת אז מען זאל עס אוועקגעבן פאר די יורשים, זאל מען עס נישט געבן פאר די יורשים, ווייל ער וויל אז מען זאל עס געבן פאר זיך, אדם קרוב אצל עצמו, ער דארף דאס האבן יעצט וויכטיגער ווי א צווייטער. מען זאל אים מכבד זיין, ווייל מיט דעם טוט מען מבריח זיין די חיצונים ארום און ארום.

**איך** האב שוין אמאל גערעדט, אז דאס איז דער ענין פון כבוד תלמידי חכמים, וואס די תורה האט געהייסען מכבד זיין תלמידי חכמים. מען געפונט אין חז"ל (קידושין לב:) אז עס זענען געווען חכמי ישראל וואס האבן זיך שטארק אנגענומען טאמער מען האט זיי נישט מכבד געווען ווי עס דארף צו זיין, כאטש זיי זענען געווען אויסגעטון פון כבוד אויף די העכסטע מדריגה. עס איז נישט דער פשט, אז זיי האבן געדארפט דעם כבוד. נאר אזוי ווי די גמרא (סוכה נב.) זאגט, אז יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ובתלמידי חכמים יותר מכולן, דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף תלמידי חכמים מער ווי אויף אנדערע, די סטרא אחרא טוט זיך מער פארלייגען אויף א תלמיד חכם מער ווי אויף א צווייטען, מיט דעם וואס מען איז מכבד דעם חכם, מיט דעם וואס מען טוט אים געבן כבוד, מיט דעם טוט מען מבריח זיין די חיצונים ארום און ארום, אז זיי זאלן נישט קענען האבן א שליטה אויף אים.

**און** אז עס איז גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן (חולין ז:), ווי חשוב איז דאס אז מען קומט זיך צוזאם, און מען גיט כבוד פאר א גדול בישראל. אז קינדער און אייניקלעך קומען זיך צוזאם דאס איז זעלבספארשטענדליך, מען דארף שטענדיג האבן א זכרון ווי אזוי א טאטע האט אויסגעקוקט, ווי אזוי א זיידע האט אויסגעקוקט, געדענקען זייערע מעשים, איבער'חזר'ן זייער הנהגה ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט, און דאס איבערגעבן ווייטער, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו. אבער עס איז נישט נאר פאר קינדער, עס איז נישט נאר א תלמיד פאר א רבי, נאר יעדער אדם גדול האט א חשיבות יעדע זאך וואס מען טוט געבן לכבודו, עס איז א געוואלדיגע נייח רוח אויבן אין הימל דאס וואס מען איז אים מכבד, מען טוט אוועקנעמען פון אים די חיצונים ארום און ארום.

**מען** האט דא צוגעשטעלט אזא שיינע סעודה לכבודו, איז אוודאי אז ער וועט זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה, און פאר די גאנצע קהלה, וואס ער האט אראפגעלייגט דעם יסוד, און אלעס איז נזקף אויף דעם יסוד. ווען מען לייגט אראפ א געהעריגען יסוד פון א בנין, ווי שטערקער דער יסוד איז, בויט זיך אויף דעם דער בנין העכער און העכער. אז דער יסוד איז שוואך, צופאלט דער בנין, מען קען עס נישט בויען צו הויעך. די צדיקים, די קדושים וואס האבן אראפגעלייגט די יסודות פון די קהלות שבישראל, די האבן דעם זכות דערפון, וואס אויף זייער יסוד ווערט געבויט אזויפיל בנינים של תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך, אז זיי זאלן קענען גיין בדרכו, ווייטער ממשיך זיין די שלשלת הזהב. מען גייט אריין אין די הייליגע טעג, זאל דער אייבערשטער אונז פארשרייבן פאר א גוט געבענטשט יאר, מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, יעדער זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מען דארף האבן. און מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

***יום שלישי פרשת כי תצא***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של הר"ר **צבי יהודא קיסנער** ז"ל (גיסו של הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו שליט"א**).

*

***שבת קודש פרשת כי תצא***

**רבינו שליט"א** ערך שולחנו בליל שבת קודש ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק' בבית המדרש.

במוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי נפתלי חיים מדזיקוב זצ"ל** (מתוך הספר **אמת ויציב**). בברכת המזון נתכבד הר"ר **איסר ציגעלהיים** הי"ו.

* * *

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל שעכטער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ומוהלות וברכות וקריאת השם.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לשכונת אלפיין אקערס והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **עוזיאל מנחם ליכטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם.

*

***יום שני פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הישיבה גדולה להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על סימני השלחן ערוך שלמדו במשך זמן הקיץ (סי' רנ"ג – רנ"ט, הל' שהיה והטמנה). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק והדרכה.

***וזה תוכן השיחה:***

**אשרי** חלקכם, מען האט זיך געפלאגט אויף תורה. ב"ה מען האט גרונטליך אדורכגעלערנט דעם יאר גאנץ הל' בישול, און הל' שהיה והטמנה, אז מען זאל עס קענען נוצן אויף שפעטער אויך אי"ה. עס איז סוף פונעם זומער, מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף די טעג פונעם זומער וואס מען איז דא געווען. איך מוז געבן א קאמפלימענ"ט פאר די בחורים, אז מען האט זיך זייער שיין אויפגעפירט, מען איז געזעסן און געלערנט אלע צייטן. דאס דאווענען איז געווען זייער שיין, מען האט געדאווענט מיט א קול מעורר הכוונה.

**עס** קומט א שווערער בין הזמנים, א בין הזמנים מיט נסיונות, וואס מען האט נישט געהאט ווען מען איז געווען אין קעמפ. מען דארף וויסען אז מען פארט אריין אין א טריפה'נע שטאט, מען איז שוין ערוואקסענע בחורים, **יעדער בחור דארף מאכן פאר זיך אליין זיינע גדרים וסייגים. יעדער ווייסט וואו ער קען אדורכפאלן, און וואס ער דארף זיך אכט געבן, אז ער זאל נישט אדורכפאלן.** עס איז דא היינט שלעכטע חברים וואס ער דארף שטיין ווייט פון זיי, א בחור וואס דרייט זיך ארום מיט א סעלפאון, און כל שכן מיט א טריפה'נע סעלפאון, דארף מען נישט האבן א שייכות מיט אים. **מען דארף מאכן פאר זיך אליין א גדר און סייג נישט צו נעמען קיין סמארטפאון אין די הענט, אפילו עס איז יענעמס.** אז מען דארף רופן, רופט מען מיט עפעס אנדערש. אז מען ווייסט פאר זיך אליין, אז מען רירט נישט צו דערצו, איז מען אויסגעהאלטן.

**יעדער** דארף זיך מאכן א סדר פאר בין הזמנים, פאר ער פארט אהיים, שפעטער האט מען שוין פארשפעטיגט. ווילאנג ער איז דא, דארף ער זיך מאכן א חשבון, ווי אזוי וועט אויסקוקען מיין בין הזמנים, ווען מען פארט אהיים. **ווען שטיי איך אויף, ווען וועל איך דאווענען, ווען וועל איך האבן א שיעור. און זיך פארנעמען עפעס וואס ער וויל גומר זיין דעם בין הזמנים. איז עס א מסכת, איז עס א הלכה, סיי וואס עס זאל זיין, און זיך צוגרייטן דערצו מיט א חברותא.** ווען מען גייט אהיים מעיקרא אויסגעשטעלט מיט א סדר, איז דא צו האפן אז מען וועט קענען אזוי אויסשטעלן. **סליחות דארף מען זאגן פארטאגס, און מען דארף דאווענען צופרי**, און אז מען איז

מיד, לייגט מען זיך אראפ שפעטער. עס איז נישט קיין עוולה אז מען לייגט זיך אראפ. מען דארף האבן א חברותא צו לערנען פארמיטאג און נאכמיטאג, דעמאלטס איז מען אויסגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין. טאמער מאכט מען זיך נישט דעם גדר, הייבט זיך עס אן אז מען שטייט אויף שפעט, און מען דאווענט שפעט, און די גאנצע טאג איז נאכדעם צופארן, און ווען עס גייט אדורך דער בין הזמנים, טרעפט ער זיך ליידיג. מען דארף זיך יעצט מסדר זיין חברותות מיט וועם מען וויל לערנען בין הזמנים, דעמאלטס איז מען מצליח.

**דער** אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען אפלערנען נאך מסכתות, און נאך הלכות, און קענען שטייגען אין תורה און יראת שמים. עטץ זענטס שוין גרויסע בחורים, עטץ דארפסט שוין באלד שידוכים, **עס איז דא אסאך אויף וואס צו דאווענען אין די הייליגע טעג. מען דארף אויסנוצען די צייטן פון תפלה, די קאפ זאל זיין ביים דאווענען, עס זאל נישט אינטערעסירן וואס עס טוט זיך אין בית המדרש, נאר ער מיט זיין מחזור, און זיין סידור, און זיין סליחות. בינו לבין קונו, ער מיטן אייבערשטען, און זיך אויסבעטן וואס מען דארף צו האבן. עס איז דא זייער אסאך צו בעטן, יעדע תפלה וואס א מענטש איז מוסיף, העלפט צו, און עס נעמט אראפ אסאך פראבלעמען, וואס קענען זיך מאכן שפעטער.** דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאלן נתקבל ווערן אלע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

***יום שלישי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הישיבה קטנה אצל **רבינו שליט"א** להיבחן על פרקי מסכת בבא קמא שלמדו במשך השנה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק והדרכה.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** דארף דאנקען דעם אייבערשטען אז מען האט געהאט די זכיה צו זיין דא אין קעמפ דעם גאנצן זומער. ב"ה אז מען האט געקענט צוגעבן, צו זיצען דא אין א הייליגען מקום, ביז די לעצטע מינוט. מען פארט אריין אין די שטאט, א מקום פון נסיונות, עס קומט א שווערער בין הזמנים. **בין הזמנים איז ביי א בחור אדער א געוואלדיגע עליה אדער א געוואלדיגע ירידה, אינמיטן וועט מען נישט בלייבן שטיין. אדער פאלט מען, אדער שטייגט מען.** די ירידה איז, ווייל אז עס איז נישט דא קיין תורה, איז דער יצר הרע דארט. ער איז נישט אין ישיבה, עס איז נישט דא קיין מסגרת, און מען איז אין א פרייע שטאט, מען האט צוטון מיט חברים, און מען קען זיך אנטשעפענען אין א שלעכטען חבר, און מען ווייסט נישט וואו מען קומט אן שפעטער. זייער אסאך בחורים ווערן קאליע אין די בין הזמנים. און עס איז נישט דא נאר איין עצה דערויף, אז **א בחור זאל זיך פירן בין הזמנים, אזוי ווי ער פירט זיך אין ישיבה.** מען דארף אויפשטיין אזוי ווי מען שטייט אויף אין ישיבה, מען דארף דאווענען אין א נארמאלע בית המדרש מלה במלה,ווארט ביי ווארט, צו עס איז אינדערוואכן, צו עס איז שבת, צו עס איז יום טוב, צו עס איז יום הקדוש, עס איז נישט קיין נפקא מינה. מען דארף האבן א סדר פארמיטאג און א סדר נאכמיטאג. דער גאנצער חילוק צווישן בין הזמנים און אינמיטן זמן איז, אז אינמיטן זמן האט מען א וועקער וואס וועקט אויף, און מען האט א משגיח, און מען האט א מנהל, און א מגיד שיעור, מיט אלעם ארום און ארום, און יעצט דארף ער שטיין אויף די אייגענע פוס, צו טון אלעס אליין, אבער די הנהגה דארף זיין די זעלבע, און דעמאלטס איז מען מצליח. טאמער מען פירט זיך אזוי, מען האט א סדר בין הזמנים, ווייסט מען אז מען האט א ערליכע בין הזמנים.

**מען** האט שוין גערעדט (בסעודה שלישית) אז א בחור דארף זיך נישט געפונען נאר אויף צוויי פלעצער, אדער אינדערהיים אדער אין בית המדרש. ערגעץ אנדערש דארף ער זיך נישט דרייען. **ווען דו גייסט ארויס פון שטוב, גיי אין בית המדרש. ווען דו גייסט אהיים פון בית המדרש, דריי זיך נישט ערגעץ אנדערש, נאר גיי אהיים. דעמאלטס איז מען אפגעהיטן.** עס איז דא אסאך צייט, און רואיגע צייט, וואס מען קען

לערנען און זייער אסאך אנקומען, מען דארף נאר וויסן עס אויסצונוצען.

**פאר מען פארט אהיים דארף זיך יעדער איינער אויסשטעלן א סדר, ווי אזוי עס גייט זיין, זיין סדר. ווען שטיי איך אויף, ווען בין איך אין בית המדרש, ווער איז מיין חברותא, מיט וועם גיי איך לערנען.** טאמער דאס איז נישט מסודר, וועט מען אדורכפאלן. אזוי אויך דארף מען סייעתא דשמיא, אבער על כל פנים דאס איז די התחלה, וואס מען דארף אנהייבן דערמיט. דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל קענען ווייטער שטייגען, און עס זאל זיין אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. מען זאל האבן די ריכטיגע שכל און דעם ריכטיגען דעת אדורכצופירן דעם בין הזמנים ערליך, און שטייגען אין תורה און יראת שמים, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת, מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

**תלמידי שיעור ב' מסרו לרבינו שליט"א**
**סעט משנה ברורה בכריכת עור עתיק**

**ואמר רבינו:** יישר כחכם, תזכו למצות, איך וועל עס נוצן צו לערנען מיט ענק (בשיעור היומי במשנה ברורה), עטץ וועטס טייער באצאלן... מען וועט מוזן לערנען. - איך וויל טאקע מעורר זיין, מען לערנט משנה ברורה, און מען האט שוין אדורכגעלערנט אזויפיל הלכות. עס איז אוודאי חשוב אז מען הערט עס אויס נאר איין מאל, און מען געדענקט עס לפי שעה, אבער א בחור ווארט זיך געדארפט מאכן א סדר איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. מען האט שוין אדורכגעלערנט א גרויס חלק משנה ברורה, עס איז טאג טעגליכע הלכות, און אז מען לערנט ווייסט מען שפעטער וואו נאכצוקוקען. מען זאל דאס אויך אריינעמען צווישן די שיעורים איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט.

*

***יום רביעי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** למעונו בוויליאמסבורג אחר שהותו במשך כל ימי הקיץ במחנה מתיבתא נחלת יעקב ביחד עם תלמידי ישיבתנו הק'.

על אם הדרך עצר **רבינו שליט"א** בשכונת טשעסטער (הסמוך לבלומינגראוו) וקבע מזוזה בביתו החדש של הר"ר **יעקב צבי פרידריך** הי"ו. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד קאפיש שליט"א**, ואחיו **הגה"צ אב"ד דזשיבוי שליט"א**, שישבו שבעה על פטירת אחיהם **הגה"צ אב"ד דושינסקיא זצ"ל**.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ אב"ד דושינסקיא זצ"ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' מהאבלים:** עס איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן ביי פארשידענע עסקניות?

**רבינו:** אסאך מאל. ער איז געווען א באזעסענער, א קלוגער, ער האט געקענט אויסרעכענען אלעס.

**א' מהאבלים:** ער איז געווען שטארק א געפילישער מענטש, און א געפיל פאר יודישקייט.

**רבינו:** ער האט זיך נישט דערשראקן.

**א' מהאבלים:** ולעומת זה האט ער געהאט א בינה יתירה צו וויסן וואו יא און וואו נישט.

**רבינו:** ער איז געווען זייער איבערגערעכנט ביי יעדע זאך.

**א' האבלים:** ער איז געווען א מענטש פיל מיט חיות, און אויף דעם אופן זענען געווען די דרשות פאר די בחורים. ווען ער האט געזאגט א חידוש, איז עס געגאנגען מיטן גאנצן ריתחא דאורייתא.

**רבינו:** פארן ציבור האט ער אויך גערעדט זייער מיט הארץ.

**א' מהאבלים:** נישט איינמאל האט פאסירט אז נאך א דרשה האט ער באקומען א רויז. ער איז אהיימגעקומען פון א דרשה אויסגעמאטערט. אין די לעצטע צייטן האט ער פארלאנגט פון די קינדער אז מען זאל אים נעמען אין מקוה. ער

האט געבעטן אז מען זאל אויסוואשן, און ער וועט גיין אינדערפרי אדער ביינאכט.

**רבינו:** ווען דער **ערוגת הבשם** איז נישט געזונט געווען, האט ער אויך שטארק געבעטן אז מען זאל אים נעמען אין מקוה (עיין **בתולדות ערוגת הבשם** החדש דף תשצא).

**א' מהאבלים:** דער זיידע, דער **ריסקעוווער רב** איז געווען א גרויסע מקוה גייער. ער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**. ער האט געהאט א מעשה, אז דער **ערוגת הבשם** איז אים אמאל געקומען בעטן, אז ער וויל ער זאל לערנען מיט זיין זון לוי יצחק, דער **צעהלימער רב**. האט אים דער זיידע געפרעגט, דער לוי יצחק האט דאך איינע פון די בעסטע בחורים פאר א חברותא, פארוואס וויל אים דער רב טוישן אינמיטן זמן? האט ער געזאגט, איך בין געוואר געווארן, אז זיין חברותא גייט נישט יעדן טאג אין מקוה, און איך וויל נישט אז מיין לוי יצחק זאל לערנען מיט איינעם וואס גייט נישט יעדן טאג אין מקוה. האט דער זיידע געזאגט, דער בחור איז א בחור אין שידוכים, און אז מען וועט הערן אז דער רבי האט אים אוועקגענומען אינמיטן זמן, קען זיין אז עס וועט שאדן. האט ער געזאגט, שלמה ביזט גערעכט. איך וועל ווארטן ביז פסח, און נאך פסח וועסטו לערנען מיט מיין לוי יצחק.

**רבינו:** עס איז דא א מעשה פונעם **ריסקעוווער רב זצ"ל** מיט די נעגל[א].

**א' האבלים:** איך האב געהערט פון מיין פעטער, רבי יחזקי' סופר, דער טאראנטא'ער רב, א דבר פלא מאד פונעם **ערוגת הבשם זצ"ל** כלפי מקוואות. אז ווען זיין זון **רבי אברהם יוסף** האט חתונה געהאט, איז ער געווארן א איידעם אין פוילן, און די פוילישע האבן געהאט א געשמאק אין זאגן דברי חרוזים און דברי כבושין. און פאר די חופה האט זיך איינער אויפגעשטעלט זאגן דברי כיבושין, אינמיטן האט זיך דער **ערוגת הבשם** אנגערופן צום זון, כאפ נישט קיין התפעלות, ווער נישט נתפעל, ער איז נישט געווען אין מקוה...

ווען דער **ריסקעוווער רב** איז אוועק, איז געווען א עצרת הספד אין בית המדרש, און **הרב ביק זצ"ל** איז געווען א מחותן, האט ער דערציילט די מעשה מיט די נעגל, און ער האט ארויסגעברענגט די נקודה, אז א רבי האט איינזין זיין תלמיד נאך אזויפיל יאר, אז ווען די נשמה גייט ארויף, זאל ער האבן אויף זיך א רושם אז ער איז געווען א מוהל.

דער **צעהלימער רב זצ"ל** האט עפעס געזאגט אזוי, אז איך בין אויך געווען א מוהל, און איך האב אראפגענומען די נאגל, און צו מיר איז דער טאטע נישט געקומען זאגען אז איך זאל עס צוריקלייגען.

**רבינו:** איך האב באקומען התרת הוראה פונעם **ריסקעוווער רב** תשכ"ו. ער האט דעמאלטס צוריק באקומען א יורה דעה וואס ער האט געלערנט דערין אין די יוגנט. איינער האט עס געטראפן. און ער איז געווען אזוי בשמחה, און ער האט אפיר גענומען דעם יורה דעה און ער האט געוויזן וואו ער האט אלץ צוגעשריבן. עס איז געווען צוגעשריבן אסאך הגהות אויף פארווארפענע הלכות. ער האט זיך אזוי משתעשע געווען אז ער האט צוריקבאקומען אזא אוצר נאך אזויפיל יארן.

**א' האבלים:** ער אליין האט געהאט התרת הוראה פונע **ראדימישלער רב זצ"ל**. און ער פלעגט זאגן, אז ער האט געלערנט יורה דעה ביים **ערוגת הבשם**. מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז דער זיידע פלעגט שטענדיג זאגן, אז איך בין געווען אנגעפאקט מיט פרי מגדים'ס. אין מיינע אדערן האבן נישט געפלאסן קיין בלוט, נאר פרי מגדים'ס. איך האב גוט געקענט, און איך בין געווען א בחור, און איך האב געוואלט צייגען אז

---

[א] מובא **בתולדות ערוגת הבשם** החדש (דף תרלט) בזה"ל: סיפר **הגאון רבי אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל אב"ד ריסקעווע**, שבהיותו אומן באומנות המילה, היה רגיל לגדל צפרני אצבע האגודל, כדי שיוכל לקיים מצות פריעה כראוי. אמנם לעת זקנותו, כשהוקשה לו להמשיך באומנות זו, לא היה מקפיד עוד להניח את צפרני האגודל, והיה קוצצם יחד עם שאר צפרני אצבעותיו. פעם אחת נגלה אליו רבו בחזיון הלילה, ושאלו, מדוע קצץ צפרני אגודלו. השיב התלמיד לרבו, כי מחמת שאי אפשר לו להיות עוד מוהל, על כן אין לו עוד צורך בהם והעבירם. ענה על זה **הערוגת הבשם** ואמר לו, כי אף שאי אפשר לו כבר להיות מוהל, מכל מקום טוב לבוא לעולם העליון בצפרניים כאלו, שקיימו בהם מצות פריעה בעלמא הדין.

איך קען. און דער **ראדימישלער רב** האט מיך געפרעגט א שאלה, און איך האב געענטפערט א פרי מגדים מיטן גאנצן לשון. ווען איך האב געענדיגט, האב איך געענדיגט די לשון פונעם פרי מגדים 'וכיוצא בזה'. זאגט ער מיר, בחור'ל עס שטייט נישט וכיוצא בזה', עס שטייט 'וכדומה'. האב איך נאכדעם נאכגעקוקט, און איך האב געזעהן אז ער איז געווען גערעכט.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תבוא</u>***

בשעות אחר הצהרים עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס, והשמיע דברים קצרים. וזה תוכנה: איך וועל נישט זאגן קיין דברי תורה, איך האב היינט געהערט, אז דער בר מצוה בחור האט מסיים געווען ששה סדרי משנה, אלץ הכנה צו די בר מצוה. איך מיין אז עס נישט דא קיין שענערע הכנה זיך צוצוגרייטען צו א בר מצוה, ווי צו ענדיגען ששה סדרי משנה. עס קומט אבער נישט די גאנצע קרעדי"ט פאר אים, די קרעדי"ט קומט פארן טאטען, ער האט אזויפיל צייט אוועקגעגעבן פאר די חבורה פון **'ובהם נהגה'** ביי אונז אין די קהלה, וואס מען לערנט מסכתות איינס נאכן אנדערען, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה אז ער איז פון די מארגנים, ער טוט אזויפיל פאר טויזנטער בלעטער גמרא, האט אים דער אייבערשטער באצאלט קודם פירותיהם בעולם הזה, אז זיין זון האט זיך פארהערט ששה סדרי משנה צו די בר מצוה.

**זאל** דער אייבערשטער אים געבן ווייטער אויך, אז ער זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. און די זיידעס זאלן זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, און מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמעון פאלל** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יצחק גראסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל אורי פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **שלמה ברוך עלנער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמואל ראטה** הי"ו. ואצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה דייטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף שטרייכער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **אלי' פישער** שליט"א (בן הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי), עב"ג בת הר"ר **ישראל חיים אילאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תבוא</u>***

ביום שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יואל אשר מענדלאוויטש** הי"ו, שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות.